חוברת ט'

# קול יוצאי קרמניץ

## בישראל ובתפוצות



המערכת: מ. גולדנברג, י. רוכל, א. ארגמן, י. גולברג, צ. ברנשטיין,
ש. סקולסקי, מ. אות-יקר.

עיצוב גראפי - א. ארגמן.

מחיר החוברת, כולל דמי חבר -.50 ל"י; בחו"ל - 4 דולר.

כתובת המערכת: ארגון יוצאי קרמניץ, רח' לה גרדייה 67, תל-אביב, 67221.

ההפצה בחו"ל: William Kogan, 6828 Juno Str., Forest Hills, N.Y.11375 U.S.A.

Marcus Katz, Pasteur 235, 3e, A, Buenos Aires, Argentine.

Max Desser, 158 Anderson Ave., Winnipeg 4, Man. Canada.

## תוכן העניינים - אינהאלט

עמוד


| | |
|---|---|
| דבר המערכת: 30 למדינת ישראל | 1 |
| פון רעדאקציע: 30 יאר מדינת ישראל | 2 |
| אנשי קרמניץ בעלייה השלישית - י. רוכל | 3 |
| שורה ד', אוהל ו' - י. רוכל | 6 |
| עס טרעפט אמאל מיין פריינד (שיר) - מ. גולדנברג | 9 |
| א. רירנדע באגעגניש - י. וואקמאן | 10 |
| "גורלה של סוניה" - מנוס, שיקה | 12 |
| "דער גורל פון סאניען" - מנוס, שיקה | 15 |
| לעווינזאן "דער קרעמעניצער"- מאנוס | 20 |
| קוראינו כותבים: | 26 |
| א. א בריוו פון פ. ביק | 26 |
| ב. מכתב מד"ר צבי מלאכי | 28 |
| אויף די קברים פון די דערטרונקענע חברים - מנוס | 29 |
| משפחה כראניק - דוד ראפאפארט | 31 |
| תחת שלטון הבולשביקים - א. חסיד | 34 |
| "ביסיאדה קשמעניצקה" - י. גולברג | 36 |
| תמונה | 39 |
| הלכו לעולמם | 40 |
| פארשיידענעס - מ.ג. | 54 |
| מזל טוב | 57 |
| ארגעגטינער אפטיילונג | 58 |
| שפענדונגען פון אויסלאנד - יהושע גולברג | 65 |
| הכנסה עבור נקרולוגים - יהושע גולברג | 66 |
| רשימת התורמים לטובת "קול יוצאי קרמניץ" | 67 |
| דין וחשבון כספי לשנת 1977 | 68 |

# דבר המערכת

חוברת זו, ט"ו במספר, מופיעה בשנת השלושים למדינת ישראל ויחד עם כל בית ישראל אנו חוגגים אירוע נכבד זה. חלק ניכר מעולי קרמניץ הגיעו ארצה עוד בטרם מדינה, ויד להם בכינונה ובפיתוחה, איש איש במקצוע אשר בו הוא עושה. ראינו משום כך לנכון להעלות מחדש את דרכי העליה מעיר זו ואת אופן התערותם בארץ, והמדור הראשון בחוברת זו מוקדש לעליה השלישית, אשר בה החלה העליה מעירנו.

לפני חדשים אחדים - הגיעה ארצה מן העיר קרמניץ במישרים, עולה חדשה, על מנת להתישב בארץ. קיימנו אתה שיחה מפורטת ותכנה נמסר בחוברת זו לידיעת הקוראים.

הגיעה לידינו חוברת בשפה הפולנית ומתוכה נתגלה לנו שעוד בתחילת המאה ה-19 התישבו בפריז מהגרים פולנים יוצאי קרמניץ. על אורח חיהם שם, סיבות הגירתם, ולבטיהם - מסופר ב"שיח קרמניץ בפריז במאה ה-19".

יוצאי קרמניץ, אם הם בישראל, ואם בארצות אחרות, זוכרים את העיר אשר בה נולדו וגדלו, ומתגעגעים לעבר שלהם אשר חלף ואיננו עוד.

נפגשו בארה"ב שני ילידי קרמניץ, בני 80 ומעלה, העלו זכרונות וגעגועים ומספרים לנו על כך.

לא נעדר, כמובן, בחוברת המדור הקבוע "ארגענטינער אפטיילונג", זהו ה"לאנדסמאנשאפט" הער ביותר, אשר נוסף לדברים שבדפוס, הנציח הפעם את זכרם של כמה חברים וחברות ב"ספר הזכרון" שלנו, פרי יזמתו של חברנו צבי ברנשטיין.

בגלל יוקר ההדפסה וריבוי החומר, ראינו לתת הפעם את המדור "פסיפס" ביידיש בלבד.

מלבד הנ"ל מופיעים בחוברת כמה מדורים רגילים, אותם לא סקרנו לעיל, והקורא ודאי יגיע לעיין בהם, גם מבלי שהפנינו לכך את תשומת לבו במיוחד.

ולבסוף, המועדון שלנו אשר בסמינר הקיבוצים, קיים זה 14 שנה, והגיע הזמן לערוך בו שיפוץ, ואמנם, הסמינר שיפץ באורח יסודי, בהשתתפותנו הכספית, את הבנין אשר בתוכו קיים המועדון שלנו.

חל שינוי גם במערך התמונות והצילומים, אשר הושמו כולם במסגרות והחברים מוזמנים לבקר במועדון ביום האזכרה השנתית וגם במועדים אחרים, ויחושו משהו מ"זכר קרמניץ".

המערכת

## דרייסיק יאר מדינת ישראל

"קול יוצאי קרמניץ" No.15 דערשיינט אין 30טן יאר פון מדינת ישראל. עס פרייט זיך יעדער הארץ, זעענדיק וואס ס'איז אין דער קורצער צייט דערגרייכט געווארן אויף אלע געביטן פון אונדזער לעבן. אבער אין די פייערליכע מינוטן שטייען אויף פאר אונדזערע אויגן די, וועלכע האבן דערצו ניט זוכה געווען, די וואס האבן אלע זייערע יארן זיך אפגעגעבן מיט לייב און לעבן דער ציוניסטישער טעטיקייט, די וואס האבן פיל בייגעטראגן צו תחיית ישראל.

אט ליגט פאר אונדז א קאלעקציע פון פארגיילטע בלעטער, "קרעמעניצער שטימע", ארויסגעגעבן אין קרעמעניץ אין די דרייסיקער יארן. און די קוקסט מיט באוונ-דערונג אויף דעם, וואס מ'האט דארט אויפגעטאן פאר ארץ-ישראל, מיט וואס פאר אויסדויער און מסירות זיי האבן אפגעגעבן דער שווערער און גרויסער ארבייט פון די געלד-זאמלונגען לטובת אלערליי נאציאנאלע פאנדן זייער בעסטע צייט. און וואס האבן זיי דען נישט געטאן כדי אויפצוהאלטן די העברעאישע "תרבות" שול אין שטאט? דא האבן זיי געמוזט בייקומען, חוץ די מאטעריעלע שוועריקייט, אויך די שיקאנען פון דער פוילישער מאכט, וועלכע האט שטענדיק געשטרעבט צו פארמאכן די שולע. נאר דער חלום פון א ייִדיש לאנד, אין ארץ-ישראל ווי "פון דער סאכע וועט מען האבן מזל און ברכה" האט זיי געקענט אזוי באגייסטערן. און ווי טראגיש איז דאס, וואס זיי זענען מיט אונדז דא נישטא, וואס זיי האבן אפילו ניט זוכה געווען צו דערלעבן צום ערשטן געבוירנטאג פון מדינת-ישראל. אין לאמיר זיי אין אונדזער הארצן זאגן: "אייערע זין און אייניקלאך האבן אייך נישט פארשעמט אייער אנשטרענגונגען זיי צו דערציען און נאציונאלן גייסט האבן פולשטענדיק מצליח געווען." אט לייענען מיר אין "פנקס קרעמעניץ", אין אלע העפטן "קול יוצאי קרמניץ", ווי אויך אין דער איצטיקער העפט, וואס פאר א חלק אונדזערע חלוצים און עולים האבן גענומען אין דעם אויפבוי פון לאנד, און די קיבוצים, אין דער "הגנה", אין דער באפרייאונגיס מלחמה און די קרבנות, וואס זיי האבן געבראכט אין אלע מלחמות אונדזערע.

זייענען טאקי, זיי, די אומגעקומענע און מיר דא, אנגעזעענע מחותנים אויף דער גרויסער שמחה.

פון רעדאקציע.

י.רוכל

## אנשי קרמניץ בעליה השלישית

במלאת 30 שנה למדינת ישראל, מן הראוי לסקור מה חלקם של אנשי קרמניץ בתקומת המדינה.

יוצאי עירנו בארץ מספרם מגיע כיום לכ-400 משפחות, כ-1000 נפש. מתי הם הגיעו, באלו שלבים וגלים. ובעיקר - בעליה השלישית (1919-1923), שהניחה את היסוד לגלי העליות שלאחריה.

בעליה הראשונה 1882-1902 נפקד מקומם של יהודי קרמניץ. האחד שעלה לארץ באותו זמן - 1893, היה ד"ר טוביה הינדס, שהתישב בירושלים, עבד שם כרופא, חלה במלריה, נאלץ לחזור וקבע מושבו בוורשה. היה איפוא ד"ר הינדס העולה הראשון מעיר קרמניץ.

גם בעליה השניה 1904-1914 לא היו עולים מקרמניץ. פרט לארבעה נערים, יצחק אידלמן, זאב חסיד, שמואל פונדק ואברהם רוכל שנשלחו ע"י הוריהם ללמוד בארץ, ושני צעירים, משה ביברמן (כיום במוסקבה) ויעקב ציזין, שעבדו במושבות כפועלים חקלאים שכירים וחזרו לקרמניץ לפני מלחמת העולם הראשונה.

עליה א׳, שנמשכה כ-20 שנה, הביאה לארץ כ-25 אלף יהודים, עליה ב׳ שנמשכה כ-10 שנים כ-35 אלף יהודים.

לעומתן, בעליה השלישית הגיעו כמספר הזה (35 אלף), תוך 5 שנים כך שהישוב היהודי בארץ גדל ב-60% ויש לציין, שמספר ה"יורדים" משתי העליות הראשונות היה גדול מאד, וכן רב היה בהם מספר העולים בגיל הזיקנה, שבאו לבלות כאן את שארית ימיהם ולמצוא את מנוחתם בארץ הקדושה. שונה לגמרי היה גם הרכבה של העליה השלישית. רובה - אנשים צעירים, רווקים ורווקות, היינו: בגיל ובמצב משפחתי הרצוי ביותר לארץ נבנית, מבחינת כושר העבודה וכושר ההגנה. הצהרת בלפור מנובמבר 1917 עוררה גל של התלהבות, ומיטב הנוער היהודי נחלץ להעפלה, וגם העפילו לעלות עם אפשרות ראשונה.

ומאז - לא עוד הסתננות של יחידים, כי אם עלית המוני ישראל. ומטרתם - לא רק כיבוש העבודה במושבות, אלא הקמת "הבית הלאומי". סימן ההיכר המובהק של העליה-השלישית - היותה מאורגנת בחלקה הגדול ב"החלוץ" שהכשיר את חבריו בגוף וברוח לקראת ייעודם בארץ.

הריכוזים הגדולים (לפי מושגי הימים ההם) של פועלים, שלא נראו כמותם בארץ עד אז, הרחיבו את האפקים, הגבירו את הסולידריות והיפרו את המחשבה הפועלית. העבודות הגדולות שנתקבלו בקבלנות ע"י הפועלים חייבו ארגון קבוצתי. עבודות מסוימות נמסרו לקבוצות מאורגנות. מאות פועלים, שעבדו בסלילת כבישים, התלכדו לגושים קטנים וגדולים. בלב הכל פעמה השאיפה לחיים קולקטיביים ונוצרו גם תנאים אוביקטיביים נוחים להגשמת שאיפותיהם.

ראשון ליצירה ולהיקף היה גדוד העבודה על שם יוסף טרומפלדור, שנוסד באלול תר"פ בכביש טבריה צמח ונסתעף במרוצת הזמן לכמה וכמה פלוגות:בראש העין, בירושלים (רמת רחל), בתל אביב,בכפר גלעדי,בעין חרוד ותל יוסף. אנשי הגדוד הבינו כי יש לשלב הגנה ועבודה וכי הדבר ניתן להגשמה בדרך היעילה ביותר בצורת החיים הקיבוציים בהיקף רחב. על האוירה בגדוד העבודה, וביחוד בפלוגת ראש העין, שם תפסו אנשי קרמניץ מקום נכבד, בכמות ובאיכות, ניתן ביטוי ברשימה "שורה ד', אוהל ו' (באותה חוברת).

קבוצת החלוצים הראשונה מקרמניץ מנתה, כאמור, 12 איש.משך זמן קצר נלוו אליהם חברים נוספים. בשנים 1924-1922 הגיעה העליה החלוצית מקרמניץ לכדי 15-20 איש לשנה, מחוץ לעליה של יוצאי חוגים אחרים - משפחות מהפרבר הדובנאי והפרבר הווישנווצאי, מקרב אנשי המעמד הבינוני , יש להניח, שמספרם של כל העולים מקרמניץ בתקופת העליה השלישית, הן כחלוצים והן כמשפחות, הגיע ל-150-200 איש. בתחילת העליה השלישית נוסדו בארץ כמה נקודות חקלאיות ע"י עולי עיר אחת כגון גבת - ע"י עולי פינסק, קרית ענבים - ע"י עולי קאמניץ פודולסק, ועוד. מספרם וכוחם של העולים מקרמניץ לא הספיקו כדי לייסד נקודה מיוחדת, אולם הם לקחו חלק פעיל וברוב יזמה בכמה יישובים ומפעלים. בתקופה הראשונה - בגדוד העבודה על פלוגותיו; אחרי כן בייסוד משק תל-יוסף,בחבורת "בנין"בתל אביב שבנתה את "שיכון מחוסרי דירות"(כיום רחוב בוגרשוב), שנועד למפוני יפו, עקב מאורעות 1921. חבורה זו, יחד עם חבורת "עבודה" התגלגלו לאחר זמן לייסוד "סולל בונה"; אנשי קרמניץ כמו כן לקחו חלק פעיל בייסוד "חרות" בירושלים, קואופרטיב לאינסטלציה סניטרית,ובשורה של מפעלים אחרים. בשנים שלאחר מכן רוכזה העליה החלוצית מקרמניץ בקיבוץ יגור ובקיבוץ גבעת השלשה, ורישומה ניכר שם עד היום. יש לציין שאחדים מתנועת הנוער החלוצי והמעמד הבינוני בתוך העליה השלישית היו בין מיסדי עפולה:

כגון: בני משפחת שניידר, משפחת ליטבק, משפחות בט, גלוזמן ועוד.

אלה תולדות העליה השלישית מהעיר קרמניץ, עליה שלא היתה גדולה ככמותה, אך התבלטה באיכותה בשטחי עשיה שונים. הם עברו כאן תהליך מבורך של פרודוקטיביזציה, השתקעו בארץ ונוטלים חלק נכבד בבנין מדינת ישראל ובקידומה.

במתי מעט החלה העליה לארץ ישראל מעירנו, תריסר נחשונים בלבד, ועתה היינו ל"עם רב", ללאנדסמאנשאפט של אלף איש, אשר רישומם ניכר בשטחים שונים.







## ש ו ר ה  ד׳, א ו ה ל  ו׳

(מימי גדוד העבודה בראש העין, ת ר פ " א)

כמחנה של נוודים היתה הפלוגה. מחנה העובר ממקום למקום עם אוהליו ועם כל רכושו הדל. החניה הראשונה היתה במבצר אנטיפטרוס העתיק, אשר בראש אל עין (ראש-העין), על ראש גבעה, ליד מעיין. אך לא הארכנו לשבת שם. אחרי מאורעות מאי 1921 נטתה הפלוגה את המחנה סמוך למושבה, וכעבור זמן עברה שוב למקום אחר, אף הוא בתוך פתח-תקוה, וגם שם-באוהלים.

עבודתנו היתה סלילת קו-רכבת צר, מראש העין עד פתח תקוה. וזו היתה הכותרת על המכתבים הרשמיים: "גדוד העבודה על שם יוסף טרומפלדור, פלוגת בוני מסילות ברזל" - הווה אומר, לא מסילה אחת אנו בונים, אלא מסילות, בלשון רבים. היום מסילה זו, צרה וקטנה, בת קילומטרים אחדים בלבד. מחר - מסילה אחרת, רחבה וגדולה, זאת ועוד: לגדוד העבודה פלוגות שונות. אנו רק אחת מן הפלוגות, והמקצוע שלנו - בנין מסילות ברזל, כהתעסקות של קבע.

הכל היה חדש, רומנטי, עוטה זוהר. צעירים וחולמים היינו, בכיסופים עזים באנו לארץ חלומותינו. באניה שרנו: "בשוב אדוני את שיבת ציון היינו כחולמים".

והדברים לא מן השפה ולחוץ נאמרו. לא היתה כל חציצה בין הדיבור והמעשה, בין החלום והמציאות. בכל מעשה, בכל צעד רצינו לראות את התגשמות החלום.

לא הצגנו תביעות. קיבלנו כל דבר כחלק מן המציאות הארצישראלית החדשה, והסתגלנו בקלות לכל קושי, יתר על כן: לא הרגשנו בקושי.

בטרם אור קמנו לעבודה. ספל קקאו ופרוסת לחם, הכלים על השכם - ויוצאים לעבודה. נעימה היתה ההליכה עם דמדומי בוקר, במשעולים שבין הפרדסים, ליד הכפר מ י ר . מראה הנוף המקסים, ריח הפרדסים המשכר, שיחות הידידות שקלחו לאטן - כל אלה השרו עלינו רוח של חלום בהתגשמותו.

רוב הבחורים לא טעמו קודם לכן טעם עבודה, בניית מסילות ברזל - על אחת כמה וכמה. ועד מהרה היתה תוקפתם עייפות. אולם בושה היא להודות בחולשה. הרי נטלנו עלינו לבנות את הארץ בעבודת כפים - ועלינו לעמוד במשימה, ולא להיכשל. ועבדו הבחורים בחום הלוהט בשארית הכוחות, עד להתעלפות, אך לא נכנעו. הזיעה ניגרת, הגב כואב, הברך כושלת - אך עובדים ועומדים בנסיון. ואכן, לא עברו ימים רבים ובני העיירות היהודיות הפכו לפועלים ממש. כפות הידים התקשו, השרירים התמתחו, נתחסנו, כאב הגב חלף, והעבודה הפכה אצלם לטבע, כאילו הם פועלים מדורי-דורות, בוני מסילות ברזל מאז ומתמיד.

לעת ערב היינו צועדים בשורה ארוכה הביתה, תוך הרגשת סיפוק, עייפים אך לא כושלים. אנו בונים את הארץ, פשוטו כמשמעו, במו ידינו. גם היום קידמנו במקצת את בנין הארץ, עשינו כמלוא יכולתנו, והסיפוק רב.

ובערב רוקדים עד חצות, ובליל שבת - עד אור הבוקר, הלב מלא מאויים ורגשות, געגועים וחלומות, ופעמים אף כוסס הספק. צר הוא מלהכיל את האושר התוסס בו. ילא הפה מלהביע. והכרחית היא ההתפרקות. והנה פורץ הריקוד, בא הפורקן. משתלהב המעגל וגורף את כולם. "אל יבנה הגליל", ושוב "שבחו שבחי צדק", "די מאמע קאכט ווארעניקעס" ו"שיר בלי מלים" ועוד ועוד, וחוזר חלילה, עד אין סוף, עד כלות הכוחות.

באה שבת - באה מנוחה. מאחרים לקום, מתפרקדים באוהלים, קוראים, משוחחים, מבקרים איש באוהל רעהו, ויש ההולכים לבקר במושבה, בפתח תקוה הסמוכה, או לשוטט סתם בסביבה.

ואחד הבחורים תקפו עליו הגעגועים לבית אבא. מוציא הוא מן המזוודה את החומש'ל ולאחר היסוסים (חושש הוא שמא ילעיגו עליו החברים) מתחיל הוא קורא בקול את פרשת השבוע בניגון המסורתי, בניגונו של ה"בעל-קורא" בעיירתו. והנה, החברים אינם מלגלגים. אדרבה, באוהלים הסמוכים משתרר שקט, נימה רועדת בלב, שוכבים על המיטות ומקשיבים. ואחד אחד מתקרבים בחורים אל האוהל, ניצבים בפתח מקשיבים ל"בעל-קורא". הוא מרים עיניו, רואה את ה"מנין" שמסביבו, נבוך, אך ממשיך בקריאה, אף ביתר עוז ובטחון.

אז הגיע תור המכתבים הביתה. ברטט קורא כל אחד שנית את המכתב שקיבל בימי השבוע מן הבית, ומתכונן לענות עליו. בית אבא ניצב כמו חי לנגד עיניו. חיבה וגעגועים מתעוררים בלב - אך לפעמים גם כעס עצור, על אשר ניסו למנוע בעדו מלעלות ואף עכשיו משדלים אותו לחזור. וקולח לו המכתב לאבא ולאמא היקרים, מתאר את כל החדש שבארץ, את כל הטוב והיפה שבה. "וטוב לי, מה טוב!" ומשתדל הבחור לתאר את החיים החדשים בלשון שתהיה מובנת להם "שם", אך קשה הדבר, כי שונה היא המציאות כאן מזו של העיירה. ביחוד מתקשה הוא להסביר את הקיבוץ, את הגדוד. "זה הוא מין 'ארטל', אך בו בזמן גם קבלן, 'פודריאטשיק', של מסילת הברזל. אבל אין אנו עובדים אצל 'פודריאטשיק' אלא אצל עצמנו. הגדוד הוא, בקיצור, מין עסק גדול מאוד, אך הרבה שותפים לעסק, וגם אני אחד השותפים, אמנם גרים אנו באוהלים, אך הם מסודרים, גם בפנים וגם בחוץ. שורות שורות ערוכים הם, ושבילים ביניהם. והכתובת שלי היא :

שורה ד', אוהל ו', אין דבר! עוד נבנה גם בתים! אך בינתים כך תכתבו לי: פלוגת בוני מסילות ברזל, שורה ד', אוהל ו'. זהו מעוני. זו כתובתי בארץ".

והדיבור הוא עברי. באסיפות ובעבודה ובחדר האוכל. בן העיירה הסתגל מהר לשפה החדשה, אך קשה היא ההסתגלות לקרימצ'אקים דוברי רוסית. גם הם מדברים עברית אך שפתם נלעגת, להבדיל, כמו "גוי" המדבר אידיש. ובינם לבין עצמם מדברים הם רוסית ואף שרים רוסית. במקלחת נגררים אחריהם גם האחרים, ושם הרוסית היא השלטת. הבחורות אוהבות רוסית ואוהבות גם את הבחורים הגבוהים והנועזים הדוברים ושרים רוסית...

מצויים בינגנו פועלים ותיקים. לא רבים הם, כחצי תריסר בלבד, אך רישומם ניכר ונערצים הם על כולם על שום דיבורם העברי הטבעי והמתובל בביטויים ערביים, עבודתם הבטוחה והיפה, עור פניהם השזוף, ועל שום שהם פועלים ותיקים, רואים אנו בהם דוגמה ומופת, מתאמצים לחקות אותם. ללכת בדרכיהם. אמנם, יש והם גם יהירים, מדברים בשמץ של ביטול על ה"חלוצים" (הנגינה מלעיל דווקא, לשון זלזול), אך אנו מקבלים את לגלוגם בסלחנות. להם מותר. הם היו הראשונים, הקדימו אותנו, סללו לפנינו את הדרך. ולעת ערב מקשיבים אנו לסיפוריהם על ימים שעברו, על הגליל ועל הקבוצות, על "השומר" ועל הסוסות הלבנות, על הבידואים והליכותיהם, על הערבים ומינהגיהם, על הפרדסנים וניגישותיהם, ועל בנות האיכרים היפות, על מה שהיה ועל מה שלא היה, ונסמכת האגדה ונשזרת לתוך המציאות.

ובאחד האוהלים שבמרכז המחנה שוכנת המזכירות. שם יהודה קופלביץ'(אלמוג) וחבריו, ראשי העדה, שם מקומם של האקונום, הגזבר, סדרן העבודה ושאר ממלאי התפקידים. ודאי, אי אפשר בלי כל אלה, ובכל זאת בינינו לבין עצמנו - הרי זו בטלנות, כל אותה ההתעסקות והכתבנות. והרבה צריך היה יהודה אלמוג לעמול עד אשר הצליח לשדל אחד הבחורים שיקבל עליו תפקיד מן התפקידים. בתוך תוכו ראה הבחור את תפקידו במזכירות כבגידה ביעודו החלוצי.

עולם חדש, עולם מתהווה, אך לא תוהו ובוהו. אדרבה, סדר ומשטר בעבודה ובחיי המחנה. השורות ערוכות, ומקומו של החלוץ הצעיר בתוך המחנה - שורה ד', אוהל ו'.

יצחק רוכל.

מאַניס גאָלדענבערג

# עס טרעפט אמאל מיין פריינד...

*דאס ליד איז געשריבן געווארן אין 1944, באלד נאכדעם,
ווי די אומגליקלעכע ידיעות פון קרעמענעץ, האבן זיך
ארויסגעוויזן אלס שוידערלעכער אמת.*

עס טרעפט אמאל, מיין פריינד, מיט מיר,
ווען ביי העלער שיין פון זון און הימליש־בלויקייט אונדזער רעס,
טוט דאס הארץ אזוי א צי
צו א גרינעם טאל פון דארט און א פעלד וואלד א יידישעס;

— · —

צום גערויש פון בלעטער אין א גאלדענעם הארבסט,
צום צאנקען ריח פון רייפע גערטנער;
צו א קילער אלולדיקער נאכט;
צו דעם שטילן טרויער פון ווייטע סליחות־טענער;

— · —

צו א פראסט, וואס סקריפעט אין שניי א טיפן;
צו דער סאמעט־בלויקייט פון די ווייטע וועלדער;
צו בארטע גלעקלאך־קלאנגען אין א ווייכן שליטן,
איבער פארווייטע וועגן, איבער ווייסע פעלדער;

— · —

צו א ווינטערדיקן פארטאג א לאנגן,
ביי א נאפט־לאמפּ שוין א העלן,
דאס מתיקות פון טאטנ'ס תהילים זאגן
און מיין מאמעס קילע האנט אויף מיין הייסן שטערן;

— · —

צו די אלע, וואס מ'וועט שוין מער ניט זען;
צו מיין משפחה, פריינד און אלעס,
וואס אזוי טייער און ליב איז מיר געווען
אין הארעפּאשנער וואך און אין שטילן רו פון יום־טוב שבתן;

— · —

צו מיין שטעטל, מיין אייגענע'ס, ליבסטער טייער;
אין דעם שרעק און גרויל פון דער פארווארטלונג;
צו דעם טיפן צער אויף זייער לעצטן וועג,
און מיין קלוגער מאמעס לעצטער טראכטונג.

— · —

אין מיין עלטער היים אויף פארשניטער חורבות און גאסן פוסטע
שווארצע קראען קראקען, זאגן אן אויף קלי־קללות
קלאגעדיקע בשורות וויסטע.
צו א וועלט א טויבער, צו פארניכטונגדיקע צרות.

יצחק וואקמאן

# א ר י ר נ ד ע  ב א ג ע ג נ י ש

אין איינעם פון זיינע בריוו שרייבט מיר "אונדזער מאנוס", אז אזוי ווי איך פאר קיין אריזאנא אויף אפרו, זאל איך ניט פארגעסן צו טרעפען זיך מיט אונדזער א לאנדסמאן, משה מעדלער, וואס וואוינט אין טוסאן (Tucson), אריזאנא. ער האט מיר אויך געשיקט זיין אדרעס. באלד נאך מיין קומען קיין טוסאן, ניט געפונענדיק מעדלערס נאמען אין טעלעפאן בוך, האב איך אים געשריבן א קארטל און געמאלדן ווי איך געפון זיך. ס'האט גענומען 4 טעג און איך האב באקומען פון אים א טעלעפאן און מיר האבן זיך אפגערעדט אז זונטאג וועט ער קומען אונדז באזוכען. נו, דארף מען האבן א פאטא אפאראט צו פאראייביקן די גדולה, די פרייד פון ר' שמעון מלמדי'ס זון. ער האט מיך ארומגעכאפט, געקושט און געוויינט... און נאך אמאל און נאך אמאל האבן צוויי יידען ב"ה אין די שמונים געקוקט איינער אויף דעם צווייטן און מיט טרערן אין די אויגען צוריק געקוקט אין דער אלטער היים, אין דער שטאט קרעמעניץ, וואס איז ארומגערינגעלט מיט בערג, ווייל אויך די שטאט טוסאן איז ארומגערונגעלט מיט א קייט פון בערג. איך האב געקענט זיין פאטער ר' שמעון. כ'האב אבער פארגעסן  אז ער איז אן איינינקל פון ר' לייב סטודינקער ע"ה. ר' לייב סטודינקער איז געווען א גוטער פריינד פון מיין שווער ר' מאטוס חזן ע"ה, ווייל ביידע זענען געווען אליקער חסידים און ער פלעג אפטמאל זיין ביי מיין שווער אין שטוב  דעם 31 דעצעמבער יעדעס יאר. מ'האט גענומען א לחיים און זיך צוגעוואונשן א גוט יאר און דערמאנט א פסוק: "די' יספור בכתוב עמים: זה יולד שם, סלה" תהילים פ"ז, ו'). סיפארשטייט זיך, אז ר' לייב אטיקער ע"ה איז געווען צווישן זיי. מעדלער זאגט, אז ביי היינטיגען טאג געפונען זיך אין ישראל פיל פון ר' לייב סטודינקער'ס אייניקלאך.

מעדלער דערציילט וועגן זיין לעבן אין ארץ ישראל צוריק מיט יארן, וועגן זיינע וויזיטן שוין אין מדינת ישראל. אזוי ריידענדיק קומט מען צוריק קיין קרעמעניץ - "איר גידענקט משה קראפ?" פרעגט ער מיך. "א גאנצע וואך האט ער געארבייט אלס א וואסערטרעגער, נאר דאנערשטיק פלעגט ער קויפן א גרויסען קארפ. ער האט אים געאלטן אין א ברייטער פאן מיט וואסער. מיטן פיש איז ער ארום-געגאנגען און פארקויפט נומערן. פרייטיק אינדערפרי' האט מען געצויגן נומערן.

דעם געווינער האט ער מיט שמחה אפגעטראגן דעם קארפ. יידן פון דער גאס האבן מיט קנאה אים נאכגעקוקט.

איך דערמאנט מען זיך אין מעכעלע קאליאשן-מאכער.

ווינטער צייט, ארויפצוגיין אויף די טרעפלאך צו אים האט מען געקענט צוברעכן די פיס. די שטוב איז געווען פארווארפן מיט בערג פון קאליאשן און ער, דער קליינינקער ייד, מיט אייביק רויטע אויגן האט געריבן די קאלאשן און פארשמירט די לעכער מיט קליי. מ'האט געדארפט ווארטן ביז די קליי ווערט פארטריקענט. דערווייל האט ער געכאפט א זיפ טיי און געביסן א שטיקל ברויט. דאס ווייב זיינס, נאר גאר א יונגע, א הויכע, וועלכע האט געקינדלט יעדעס יאר, האט געשאלטן אן אויפהער.

ער ווידער האט נישט געענטפערט און אנגעגאנגען מיט זיין ארבייט.
און נאך זכרונות, נאך זכרונות קומען אויפן געדאנק. ס'דערמאנט זיך דאס לידל:"ווי בעמט מען יענע יונגע יארן, משה'לע מיין פריינט"!
דאס ליד דרוקט אויס די נאטירלעכע בענקשאפט פון יעדן מענטשן צו זיין אמאל, צו די יונגע יארן. איך דאנק דיר, ליבער מנוס, וואס האסט מיך פארבינדן מיט מיין פריינט און קרוב - מאריס מעדלער (משה מלמד) און איך האב צוזאמען מיט אים איבערגעמישט די בלעטלאך פון אמאל מיט אן אנגעווייטיקט הארץ.

לאמיר האפן אויף גוטע צייטן פארן כלל ישראל - בכל מקום שהם שם ובפרט בארצנו הקדושה.



מנוס יהושע

# גורלה של סוניה

## עולה חדשה מקרמניץ

לפני חודשיים נתבשרנו, שאשה אחת עלתה ארצה לא מזמן ישר מקרמניץ. היה זה המקרה הראשון והיחיד מסוג זה. מאז גירושם של הגרמנים משם.

יצאנו, יהושע גולברג ואני, לחדרה, למקום מגוריה הזמניים, לפגוש אותה. בביתם המרווח של דודה ודודתה נתקבלנו בסבר פנים יפות ועד מהרה הופיעה גם העולה החדשה, סוניה, כשמתחת לבית שחיה צרור ספרים ומחברות. היא חזרה מהאולפן, שבו למדה כבר חודשיים.

סוניה התישבה ליד שולחננו, כשעיניה המאירות מביטות בנו בעליזות ובאמון. היא נראתה צעירה בהרבה מ-50 שנותיה. תנועותיה שפעו מרץ רב, דיבורה האוקראיני והרוסי היה מלא חן והומור. קשה היה לחשוב שהאשה הזאת עברה כל כך הרבה סכנות ותלאות בילדותה ובצעירותה.

בת 13 היתה כשברחה מעיירת מיזוץ', ליד רובנו, אחרי שהוריה ובני ביתם נהרגו יחד עם כל היהודים שם.

בכפר הקרוב ביותר למיזוץ לא רצו להכניסה אף אחד מן הבתים. היא החליטה לחזור למיזוץ. בדרכה ראתה שיירה של עגלות איכרים עמוסות ביזה, החוזרת מעיירתם. היא הבינה שאין לה לאן לחזור. הצמא הציק לה מאוד ואז העזה לסור לבית איכרים, שעמד בקצה הכפר (גם הוא קרוב למיזוץ) לבקש מעט מים. מה גדולה היתה הפתעתה, כשנודע לה, שבבית הזה גרה, יחד עם הוריה, חברת כיתתה. היא מצאה שם עוד כמה מיהודי עיירתם. בבית הזה נשארה שבוע ימים. אחרי כן העבירוה לביתו של איכר אחר, בשם סלובודיוק. האכר הזה, שנהרג אחר כך על ידי הבנדרובצים, היה שייך, יחד עם משפחתו, לכת האבנגליסטים, בסביבתנו קראו להם "שטונדיסטים". הם הסתירו את סוניה במשך 18 חודשים על התנור. כשנודע לשכנים שיהודיה נמצאת בבית הסלובודיוקים, מיהרו להעביר אותה לכפר סמוך, לביתו של אבנגליסט אחר, שם הסתתרה חודש ימים. יום אחד נזדמנה לכפר הזה עגלה עם נזירים, שהיו בדרכם למנזר ליד הכפר הגדול זאהייצי שבסביבת קרמניץ. האיכר אמר לנזירים שבביתם נמצאת ילדה אוקראינית, יתומה, וביקשם להעבירה לדוד שלה בזאהייצי. הדוד המדומה היה המנהיג של האבנגליסטים שם.

בעוד במרחק רב מזאהייצי נתקלה עגלת הנזירים במחסום של קבוצת בנדרובצים. הם ציוו להוריד את סוניה מן העגלה והחלו לחקור אותה על זהותה. סוניה אמרה גם להם שהיא

יתומה אוקראינית ממיזוץ, הנוסעת לדודה בזאהייצי וכשביקשו לדעת את שמה, היא נקבה בשמה של ילדה נוצריה בכיתתה. לרוע מזלה היה מפקדם של הבנדרובצים תושב מיזוץ, שהכיר את הילדה ההיא. ברור היה לו שלפניו יהודיה ולא היה ספק כלשהו שקיצה הגיע. אבל הגורל, ששמר עליה עד אז, התערב גם הפעם. התברר שהבנדרוביץ, שחקר אותה הרג בשעתו גרמני במספרה של ספר יהודי, שעבד אצל הגרמנים. הספר החביאו ועזר לו להימלט. הבנדרוביץ הבטיח לספר, שתמורת זה הוא יציל את היהודי הראשון שיזדמן בדרכו. וכאן באה ההזדמנות הזאת. הוא נתן לילדה להמשיך בדרכה.

הנזירים, שפחדו מתוצאות החקירה של הילדה, הסתלקו מהמקום לפני ששיחררו אותה. בהגיעם לזאהייצי סיפרו ל"דוד" את הקורות אותם. ה"דוד", שכבר ידע על בואה הקרוב של סוניה וחיכה לה, הבין שלעולם כבר לא יראה את הילדה.

סוניה, המשיכה את דרכה ברגל, נתקלה בקבוצת ילדים רועים. אחד מהם הביאה לביתו, שם קיבלוה כילדה אוקראינית, אחת מאותם ילדים עזובים, ששוטטו אז בדרכים. אולם המשפחה הזאת היתה פולנית והם פחדו מאד מאויביהם הבנדרובצים. הם השאירו אותה ללון אצלם ובבוקר השכם הביאוה בעגלה לשומסק. בשומסק נפגשה עם כמה שטונדי-סטים, שיעצו לה לצאת מיד לזאהייצי. בדרך סרה לחווה בודדת ובעליה השאירו אותה לעבוד אצלם כרועה. אבל אחרי זמן מה היא נדבקה שם בצרעת חזקה ונשלחה לריפוי בזאהייצי, מחוז חפצה. כך הגיעה ל"דוד", שיחד עם עוד כמה שטונדיסטים טיפל בה וריפא אותה. הם ידעו שהיא יהודיה והתמסרו לה במיוחד.

חמש שנים, משנת 1943-1948, גרה סוניה בזאהייצי. כל אותה עת היתה פעילה מאד בחיי החברה של הכפר והיתה סולנית במקהלה שם. הבנדרובצים השתוללו בסביבה ההיא עוד זמן מה אחרי כניסת הרוסים, אולם בסוניה לא נגעו. בעודה בזאהייצי סיימה טכניקום למסחר באמצעות הדואר. עזרו לה בכך מטעם מקום עבודתה והסל-סאוויעט.

מצויידת בתעודות המתאימות עברה סוניה לגור בקרמניץ, שם קיבלוה לעבודה בלשכת המסחר הממשלתית. זה היה בשנת 1948. בקרמניץ הכירה את בעלה לעתיד. אביו עבד זמן רב בבית החרושת לרעפים של אידי קיטאי עד כניסת הגרמנים; בעלה, אביו ומשפחתם היו שטונדיסטים נלהבים.

בקרמניץ נתקשרה סוניה עם הקומץ הקטן של המשפחות היהודיות ששרדו שם, ביחוד עם משפחת ישראל מנדל ז"ל, שומר החומות שלנו. מנדל ובני משפחתו הקודמים,שנרצחו על-ידי הנאצים, גרו עד בואם של הגרמנים בזאהייצי.

אחדים משארית הפליטה הזאת הלכו לעולמם, אחרים עברו לערים אחרות בבריה"מ ובפולין. הבנים של כולם, בתוכם גם שני בניה של סוניה, גרים בערים גדולות, רחוק מקרמניץ.

לפני שנים אחדות התחילה סוניה לטפל באשרת-יציאה לישראל. את הדרישה שלח לה דודה, אחיה של אמה. בעיר המחוז, טרנופול, לשם נסעה מפעם לפעם להוודע על תוצאות בקשתה, ניסו להניא אותה מלעלות לישראל, בנימוקים שונים, בעיקר משפחתיים. שהרי בעלה ושני בניה החליטו להשאר במקומותיהם. הם פחדו להפסיד את משרותיהם ולא היו בטוחים אם יתנו להם לעלות לישראל. כשנודע לעובדים במקום עבודתה של סוניה, שהיא החלה לטפל בעליתה לישראל, נשתנה היחס אליה ונהיה עוין עד כדי כך, שהיא נאלצה לעזוב את עבודתה.

כשהגיעה אליה סוף סוף הידיעה על קבלת היתר לעלייתה, הצטיידה סוניה בתעודת גירושין מבעלה ובאישור מבניה על הסכמתם לעזיבתה אותם. עם התעודות האלה נסעה לטרנופול והיתה זאת נסיעתה האחרונה לשם. סוניה חזרה לקרמניץ, כשהיתר היציאה בידיה.

לפני נסיעתה נפרדה מארבע המשפחות היהודיות שלא עודדוה ביותר. לעומת זאת היתה פרידתה מידידיה האוקראינים וביחוד מהאבנגליסטים, לבבית מאד. הללו הביעו באזניה את רגשותיהם לארץ הקדושה. "מלותיו האחרונות של בעלי," אומרת סוניה "היו: כשתגיעי לישראל נשקי את אדמתה הקדושה. נשקתי את הבטון, כשירדתי מהאוירון, כי לא היתה שם אדמה".

יומיים אחרי שהגיעה סוניה לארץ קיבלה מברק ברכה מבעלה בקרמניץ. "בקראי את המברק", אמרה לנו דודתה, "פרצתי בבכי". רק כחודשיים היתה סוניה בארץ, כשפגשנו אותה וכבר היו בידיה כמה מכתבים באוקראינית מבעלה, מכתבים מלאי חיבה, געגועים ושמחה על שסוניה נמצאת בארץ הקודש, בין קרוביה.

כאמור, סוניה היתה אז רק כחודשיים בארץ וכבר היה בפיה אוצר מלים לא קטן יחסית. הכל העיד, שלפנינו תלמידה מצטינת באולפן, והיה ברור לנו, שהיא תמצא את מקומה בארץ. בזה עזרו לה אופטימיותה, נכונותה לעבוד בכל עבודה שתזדמן לידה, וחוש ההומור שבו ניחנה.

סיפרה לנו סוניה, שעם מותו של ישראל מנדל ז"ל הוזנח קבר האחים של קדושינו. ילדי השכנים התחילו לפרק לוחות מהגדר. אולם לפני כמה שנים החל לפעול בשכנותו של הקבר בית חרושת לסוכר, ועל ידו בית ספר מקצועי צמוד לבית החרושת. ביוזמת העיריה, כנראה, הופקדה השמירה על הקבר בידי בית הספר הזה. ביום הזיכרון עולים התלמידים בסך אל הקבר ומניחים שם זרים. גם האבנגליסטים וסתם אוקראינים בודדים עושים זאת. מדי שנה מגיעים באותו יום לקרמניץ כמה מבני עירנו, הגרים ברובנו, לבוב, טרנופול ועוד. כדי להתייחד עם זכרם של קרוביהם וידידיהם שם.

בקרמניץ גרים כעת 30,000 תושבים כולם אוקראינים, נמצאים גם שם שלוש אלמנות: של אנשי קרמניץ: של וולקע כץ, של מנדל, ושל פעסיס.
גרים שמה: אברהם מיללר והאופה שפינקע, ואסתר לערער, כמו כן אניא לנדסברג אשתו לשעבר של ד"ר יאשקע לנדעסברג. שני בניו של יאשקע לנדסברג גרים בלענינגרד. פישמן, ואח ואחות מקגון -קנדל גרים בטרנופול, כמו כן שני אחים וודונוס גרים ברובנו. זה הוא סך הכל מהקרמניץ שלנו.

מנוס, יהושע

## דער גורל פון סאניע

א באגעגניש מיט א נייער עולה, וואס איז ערשט געקומען קיין ישראל גלייך פון קרעמעניץ.

צוריק מיט עטליכע וואכן האבן מיר זיך דערוואוסט אז קיין ישראל איז עולה געווען א פרוי גלייך פון קרעמעניץ. אזוי ווי דאס איז דער ערשטער פאל, זייט די דייטשן זענען פון דארט פארטריבן געווארן, בין איך און יהושע גולברג אוועק קיין חדרה מיט אט דער פרוי זיך צו באגעגנען.

מיר האבן דארט געטראפן א פרוי פון זייער א סימפאטישן אויסזען, פול מיט ענערגיע און לעבענסלוסט, וואס זעט אויס פיל יונגער ווי אירע 48 יאר. שווער געווען זיך פארצושטעלן אז די פרוי וואס זיצט אקעגן אונדז, אזא שמייכלדיקע און צוטרויענדיקע, האט אזוי פיל דורכגעמאכט אין איר קינדהייט און יוגנט. סאניע איז איר נאמען.

דריצן יאר איז זי אלט געווען, ווען זי איז אנטלאפן פון איר שטעטל, מיזאטש, לעבן ראוונע, נאך דעם, וואס איר משפחה איז אומגעבראכט געווארן דורך די דייטשן צוזאמען מיט אלע יידן דארט.ווען זי איז אנגעקומען אין נאענסטן דארף האט קיינער זי נישט ארייגעלאזט צו זיך. זי האט דאן באשלאסן זיך אומקערן קיין מיזאטש... אויפן וועג צוריק זענען איר אקעגן געקומען פויערים מיט פול געפאקטע וואגנס, געווען איז דאס די מיזאטשער יידנ'ס האב און גוטס. זי האט געזען, אז זי האט זיך שוין נישט וואוהין אומצוקערן. זייענדיק שטארק דורשטיק, האט זי געוואגט אפטרעטן פון וועג און אריינגען אין ערשטן פויערישן הויז בעטן א טרינק. ווי גרויס איז געווען איר פארוואונדערונג, ווען זי האט זיך דערוואוסט, אז דאס הויז געהערט צו די עלטערן פון איר אוקראינישער שול-חברטע. זי האט דארט געטראפן עטליכע אנטלאפענע מיזאטשער יידן. דא האט מען זי אויסבאהאלטן א וואך צייט. פון דארט האט מען זי איבערגעפירט צו איין אנדער פויער מיטן נאמען סלובודיוק. דער פויער, וועלכן די באנדעראווצעס האבן מיט א צייט שפעטער דערמארדעט, האט געהערט צו די פירער פון די ארטיקע עוואנגעליסטן "שטונדיסטן" וואו מ'האט זיי גערופן אין אונדזער געגענד). ער אזן זיין משפחה האבן סאניען באהאלטן בא זיך אויפן הויזן במשך פון 18 מאנאטן.
ווען אבער די שכנים האבן זיך דערוואוסט, אז בא די סלאבאדוקיס געפונט זיך א יידישקע, האבן די לעצטע זי איבערגעפירט אויך צו איין עוואנגעליסט אין א שכנותדיקן דארף, דארט איז זי געווען מער וואו א חודש.
אין איינעם א פרימארגן איז אין דעם דארף אריינגעפארן א פיר מיט מאנאכן, וואס זענען געווען אויפן וועג צו זייער מאנאסטיר, לעבן גרויסן דארף זאהייצי, 60 קילאמעטער פון קרעמעניץ. דער פויער, בא וועמען סאניע האט זיך אויסבאהאלטן, האט דערציילט די מאנאכן אז בא אים אין הויז געפונט אן אוקראינישע יתומה און זיי געבעטן זיי זאלן זי איבערפירן צו איר פעטער אין זאהייצי. דער כלומרשטער פעטער איז געווען דער פירער פון די עוואנגעליסטן אין זאהייצי און אומגעגנד.

זייענדיק נאך ווייט פון זאהייצי האבן די מאנאכן זיך אנגעשטויסן אויף א פאטרול פון די באנדעראוועצעס. זיי האבן געהייסן סאניען אראפגיין פון דער פיר און גענומען זי אויספרעגן ווער זי איז. סאניע האט זיי געזאגט, אז זי איז א מיזאטשער יתומה און זיך פארופן אויף א נאמען פון אן אוקראינישן מיטשולערן. צום שלימזל איז דער פירער פון פאטרול געווען א מיזאטשער באנדעראוויץ, וואס האט גוט געקענט די שילערן אויף וועמען סאניע האט זיך פארופן. ס'איז פאר אים געווען קלאר אז דאס איז א יידיש מיידעלע.
סאניע האט פארשטאנען וואס עס דערווארט איר. אבער דא איז געשען עפעס אומדערווארט. ס'האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער באנדעראוועץ, וואס האט זי געפארשט, האט אין א פריזערײ געהרגעט א דייטש. דער פריזירער איז געווען א ייד, וואס האט געארבייט בא די דייטשן. ער האט געהאלפן דעם באנדעראוועץ אנטלויפן אין דער געגנט פון קרעמעניץ. יענער האט צוגעזאגט זיין רעטער, דעם שערער, אז ער וועט דערפאר ראטעווען א יידן בא דער ערשטער געלעגענהייט. און דאס איז געווען סאניעס גליק. מ'האט איר דערלויבט פארזעצן איר וועג. זי האט דאס געמוזט טאן צופוס, ווייל די מאנאכן, מורא האבנדיק פאר די באנדעראוועצעס, האבן זיך באצייטנס אפגעטראגן.

אויף איר וועג האט סאניע באגעגנט עטליכע קינדער פאסטוכער. איינער פון זיי האט סאניען געבראכט צו זיך א היים. מ'האט זי דארט אנגענומען פאר איינער פון די גוישע קינדער, וואס האבן דאן געבלאנדזעט אויף אלע וועגן. דער אינהאבער פון דעם הויז איז געווען א פוילישער פארמער, וועמען די באנדעראוועצעס האבן שטארק פארפאלגט. אין שרעק פאר זיי, האט דער פארמער צומארגנס געבראכט סאניען קיין שומסק און זי איבערגעגעבן צו די שטונדיסטן, וועלכע האבן איר געעצעט באלד אוועקגיין קיין זאהייצע, ווי ס'איז פאראן א גרעסערע קאנצענטראציע פון עוואנגעליסטן.

נאך איניקע איבערלעבענישן אויף איר לאנגען וועג איז זי ענדליך אנגעקומען קיין זאהייצע. דארט האט שוין געווארט אויף איר דער "פעטער". ער און זיינע חברים האבן גוט געוואוסט ווער סאניע איז און זיי האבן זיך מיט איר פארזיכטיק און פיל אפגעגעבן. אין משך פון פינף יאר האט סאניע געלעבט אין זאהייצע, פון 1943 ביז 1948. דארט האט זי געארבייט און געווען זייער טעטיק אויפן געזעלשאפטליכן געביט. נאכן אומקער פון דער סאוויעטישער מאכט, איז זי באשעפטיגט געווארן אויף פארשיידענע ארבייטן ביי דער דארפס פארוואלטונג. זי האט אויך באוויזן מיט דער הילף פון איר ארבייטיס פלאץ צו פארענדיגן א האנדלס אינסטיטוט דורך קארעספאנדענץ.

סוף 1948 פארט סאניע איבער קיין קרעמעניץ, אין ווערט דארט אנגענומען אלס באאמטע אין דער רעגירונג'ס האנדל ביורא.
דארט האט זי זיך באקאנט מיט איר צוקונפטיקן מאן. זיין פאטער האט לאנגע יארן, ביזן אנקומען פון די דייטשן, געארבעט אין איידי קיטאי'ס פאבריקל פון "טשערעפעס. ביידע, דער פאטער און זיין זון מיט זייער משפחה זענען איבערגעגעבענע שטונדיסטןשוין לאנגע יארן. קומענדיק קיין קרעמעניץ, האט זיך סאניע פארבינדן מיטן הייפעלע געראטעוועטע יידן דארט. זי איז געווען באזונדערס באפריינדעט מיט ישראל מאנדל ז"ל און זיין משפחה. מאנדל מיט זיין ערשטן ווייב און די קינדער זייערער האבן ביזן אנקומען פון די דייטשן געוואוינט אין זאהייצי. פון זיי איז נאר ישראל אליין לעבן געבליבן.
ווי מיר ווייסן האט מאנדל מיט דער הילף פון דארטיקע שטאט פארוואלטונג, די קרעמעניצער אין ישראל און אייניקע לאנדסלייט אין אמעריקע אויפגעשטעלט א מצבה אויפן מאסן קבר און אים ארומגעצוימען מיט א פארקן.
נאר עטליכה עלטערע יידן זענען פארבליבן אין שטאט. אייניקע זענען ארויס-געפארן אין די גרעסער שטעט פון רוסלאנד און אוקראינע. די קינדער פון זיי אלע, צווישן זיי אויך סאניעס זין, האבן פארלאזט זייער היים און אויך זיי געפונען זיך אין פארשיידענע שטעט.

צוריק מיט אייניקע יאר האט סאניע געקריגן א פאדערונג קיין ישראל פון איר מאמע'ס ברודער, א תושב פון חדרה. זי האט באלד אנגעהויבן זיך סטארען צו באקומען א דערלויבניש עולה צו זיין קיין ישראל. אין טארנאפאל, די קרייזשטאט, האט מען איר יעדעס מאל, ווען זי איז אהין געקומען זיך דערוואוסן וועגן איר ביטע, געפרואווט איינרעדן זי זאל נישט פארלאזן איר היים און משפחה און זיי פארביינן, ווי זיי האבן געטענעט, אויף א פרעמדער סביבה. נאכדעם וואו זי האט באקומען פון איר מאן א גט און פון די צווי זין א חתימה, אז זיי האבן גארניט קעגן איר פארן, האט מען איר די דערלויבניש געגעבן.

וואו נאר מיהאט זיך אויף איר ארבייטיס פלאץ דערוואוסט וועגן אירע באמיאונגען עולה צו זיין קיין ישראל, האט זיך מיטאמאל געענדערט די באציונג צו איר מצד די מיטארבייטער, און אויף אזא אופן, אז זי האט געמוזט פארלאזן די ארבייט.

אבער דאך איז דאס געזעגנען זיך מיט אייניקע פון זיי, פאר איר אפפאר, געווען א הארציקע. די שטונדיסטן האבן האפט ארויסגעוויזן זייערע ווארעמע געפילן צו סאניען, וואס וועט איגניכן זוכה זיין צו קומען לארץ הקודש. די לעצטע

ווערטער פון איר מאן, זאגט סאניע, זענען געווען: "וואו נאר ווערט ארויפ-טרעטן אויף דער הייליגער ערד, זאלסטו זי א קוש טאן". "ווען אבער כ'בין פון עראפלאן אראפ" גיט צו סאניע "האב איך קיין ערד לעבן מיר נישט געזען און געמוזט קושן דעם בעטאן".

צוויי טעג נאך איר אנקומען קיין ישראל האט סאניע געקריגן א טעלעגראמע פון איר מאן אין קרעמעניץ מיט הייסע ברכות פאר איר און אירע קרובים. "ווען כ'האב די טעלעגראמע געעפנט", זאגט סאניע'ס מומע "האב איך אויס-געבראכן מיט א געוויין". סאניע האט אונדז געוויזן עטליכע בריוו פון איר מאן אין אוקראיניש, אין וועלכע ער דריקט אויס זיין בענקשאפט צו איר, זיין צופרידענהייט מיט דעם, וואס זי געפונט זיך צווישן אירע אייגענע, ער קלאגט זיך אויף זיין אינזאמקייט.

מ'מוז דא צוגעבן, אז דער מאן און די קינדער אירע, זייענדיק זיכער אז מ'וועט זיי נישט דערלויבן ארויס צו פארן, האבן גוט געוואוסט אז מ'וועט זיי פון זייער ארבייט אפזאגן, ווי-נאר זיי וועלן דערלאנגען דערויף א בקשה. און דאס קלערט אונדז אויף פארוואס סאניע איז געקומען אליין.

סאניע דערציילט אונדז אז נאכן טויט פון ישראל מאנדל ז"ל איז דער קבר פון אונדזערע קדושים פארנאכלעסיגט געווארן. די קינדער פון די שכנים ארום האבן אנגעהויבן רייסן ברייטער פונם פלויט. דאס האט זיך געענדערט, ווען לעבן קבר איז אויפגעבויט געווארן א צוקער-פאבריק און א פאך-שולע. לויט דער איניציאטיוו פון דער שטאט פארוואלטונג האבן די פאבריק און די שולע גענומען דעם קבר אונטער זייער השגחה. פון דאן אן קומען יעדעס יאר אויפן קבר די שילער און לעגן דארט בלומען קרענץ. דאס טוען אויך די שטודיסטן און אייניקע אוקראינער. יעדעס יאר קומען אויך אויף קבר אבות געווועזענע קרעמעניצער, וואס וואוינען אצינד אין ראוונע, לעמבערג, טארנאפאל און אנדערע פלעצער.

מיר האבן זיך געזעגנט מיט סאניען מיט א געפיל פון צוגעבינדקייט צו איר און מיט דער האפענונג צו זיין מיט איר אין פארבינדונג. זאל איר קליטה (אבסארבציע) זיין א לייכטע! איר כאראקטער און גרייטקייט אנצונעמען אלעס באהבה זאגן עדות דערויף.

מ. גאלדענבערג

## לעווינזאָן דער קרעמעניצער

ווען סיפלעגט קיין קרעמעניץ אראפקומען א וויכטיקער גאסט, א שרייבער, א פארטיי פירער, אדער א שליח פון ארץ-ישראל, און ער האט זיך פארהאלטן אויף שבת, האט מען אים פרייטיק-צו-נאכטס ארויפגעפירט אויף דער "באנע". אין דער סודות-פולער פינצטערניש האט מען אים געפירט צווישן די אלטע רואינען פון שלאס ביז מען איז צוגעקומען צום עק פון בארג. דא האט זיך פארן גאסט פלוצעם אנטפלעקט א וואונדערבארע בילד: טיף, אונטן איז פונאנדערגעשפרייט געווען די שטאט. טויזנטער שבת-ליכט האבן געפינקלט פון אלע פענצטער. און דא האט זיך כמעט בא יעדן פון אט די געסט, ניט ווילנדיק, ארויסגערופן דער פסוק: "מה טובו אוהליך יעקב,משכנותיך ישראל".

און אצינד, ווען סיקומט נאך לאנגע מאטערנישן, איימיצער פון אונדז, וואס וואוינט אין רוסלאנד אדער פוילן, קיין קרעמעניץ, און ער קומט ארויף פון דער באן ביז צום מאנאסטיר , אנטפלעקט זיך פאר זיינע אויגן א שוידערליך בילד. ער בלייבט שטיין פארשטיינערט. נעלם געווארן זענען אלע הייזער, צווישן זיי די גרויסע שול, דאס שיינדל און שטאלץ, פון די קרעמעניצער יידן. די נאציס האבן געזארגט די אויסצוראטן ביזן גרונט, טאקי דורך די יידן אליין, נאך איידער דער געטא איז פארברענט געווארן. אויפן ארט פון יידישן קרעמעניץ איז אויסגעוואקסן א גרויסער פארק.

אבער אין עק שטאט, באם אנהויב פון דער ווישניוועצר ראגאטקע, שטייט ביז היינט דאס ארעמע, איינגעבויגענע לעווינזאן שטיבל. דאס שטיבל, וועגן וועלכן די שרייבער פון לעווינזאנ'ס ביאגראפיע האבן, מער וואו הונדערט יאר צוריק, געשריבן אז עס האלט באם צופאלן זיך. און עס קומט דאן אויפן געדאנק דאס סימבאלישקייט פון דער מערקווירדיקער דערשיינונג. אט דאס ארעמע, שוואכע הייזל, פון וואנען סיהאבן זיך דערטראגן צו אלע עקן פון בריטן רוסלאנד ר' יצחק בער לעווינזאנ'ס תורה מיט אירע רייכע הומאנישע און יידישע ווערטן, האט איבערגעלעבט די רידיקע נאצי מאשין, געזען איר חורבן.

אין מיינע פריע קינדער יארן פלעגט מיך מיין באבע,עליה השלום, א פרומע יידענע און א כשרע נשמה, ווענען'ס טייטש-חומש און "קו-הישר" זענען באגאסן געווען מיט אירע טרערן, פירן שפאצירן אין קילע זומער-פארנאכטן אויסער דער שטאט. דורכגייענדיק לעווינזאנ'ס שטוב- פלעגט די דריי מאלאויסשפייען און זאגן אויף א קול: "ימח שמו וזכרו!" און דאס איז געווען שוין כמעט 50 יאר נאך זיין טויט . ווען לעווינזאן האט געלעבט איז זי געווען א יונג מיידל נאך.

אט דאס אויפפירן זיך פון מיין באבען איז געווען זייער משונהדיק און מיינע קינדערישע אויגן,ווייל אלס קינד האט דאס אפגעזונדערטע הייזל, אין עק שטאט, געצויגן מיין נייגעריקייט. אזן אסיען און א גאנצן זומער האט א טיפע, פעטע בלאטע דערגרייכט ביז די עטליכע ארויפגאנג טרעפלאך פון הייזל. און א גאנץ יאר איז דער קעלער אירער געווען פאפלייצט מיט וואסער. דורך דער שטענדיק אפענער צו דער גאס טיר פון קעלער פלעגן מיר ארייןווארפן שטעקענער און ברייטער זיי זאלן שווימען אויף דער וואסער.

די באציונג פון מיין באבן און פיל אנדערע קרעמעניצער יידן צו לעווינזאנען האב איך א סך שפעטער פארשטאנען. כ'האב פארשטאנען, אז דאס איז דער שווערער אפצאל פון די וועלכע לאזן זיך שווימען קעגן דעם שטראם און וואס טרעטן ארויס ענדערן די ווירקליכקייט. און די יידישע ווירקליכקייט, קעגן וועלכער דער גרויסער בן-עיר אונדזערער איז ארויסגעטרייטן, איז דאן געווען א גאר טרויעריקע.

קרעמעניץ, וואס דערשיינט אין 16טן און 17טן יארהונדערט , אלס איינע פון די חשובע קהילות אין מזרח פולין, וועמענס מסחר האט געבליט און וועמענס רבנים און למדנים האבן געשמט איבעראל, איז גענצליך חרוב געווארן דורך די באנדעס פון כמעלניצקי. די גאר ווייניקע רעשטלאך, וועלכע זענען געבליבן לעבן נאך דער שחיטה האבן אויפגעשטעלט די קהילה אויפסניי, אבער זי איז שוין מער נישט געקומען צו איר פריערדיקן שטאנד.

און אט די טעג פון צער און דערשלאגענקייט באווייזט זיך, ווי א ליכטיקער שטערן אויפן טונקעלן יידישן הימעל, די חסידישע באוועגונג. דער פלאם פון התלהבות און דבקות פון בעל-שם-טוב און זיינע תלמידים כאפט ארום. ווי אומעטום, די יידן אין קרעמעניץ און אומגעגנד. אבער שוין אין אנהויב פון 19טן יארהונדערט הויבט זיך אן די שקיעה פון חסידות.

די איינקלאך פון בעל-שם-טוב'ס געטרייע תלמידים, פירן צווישן זיך א קאנקורענץ אויף צוציהען וואס מער חסידים. יעדער פון זיי פארפירט בא זיך א רייכן הויף מיט א שטאט פון משרתים און קארעטעס. די תורה פון בעל-שם-טוב און זיינע חסידים ווערט פארביטן דורכן קולט פון פערזענליכקייט, אבער-גלויבן, גראב-יונגערישקייט, בטלנות און אויסערליכן פראכט.

קעגן אט די דערשיינונגען טרעט שארף ארויס לעווינזאן. זיינע בייסענדע סאטירעס קעגן די "רביים" און זייערע אומבאוואוסטזיניקע, פארפירטע "צאן קדשים" רופן ארויס א טיפע שנאה צו אים ביי די מאסן אין שטאט. ער ווערט געווצליך איזאלירט דורך זיי. ארייגעווארפן אין חרם. נישט קוקענדיק דערויף, וואקסט אלץ די צאל פון זיינע פארהערערס פון צווישן די משכילים אין קרעמעניץ. איייניקע מיוחסדיקע און רייכע פאמיליעס אין שטאט נעמען אים אונטער זייער שוץ און שטיצן אים אויך מאטעריעל, דאס זענען די פאמיליעס לאנדעסבערג, בערענשטיין און אנדערע. זיי באזארגן אים אויך מיט די נויטיקע ביכער. די איינצעלנע בחורים, וואס וואגן געהיים ארייננצוקוקן אין לעווינזאנ'ס ווערק, ווערן דורך די יידן גערופן "תעודקעס", לויט דעם חשובן ווערק זיינעם "תעודה בישראל". זיי ווערן דורך זיי פארפאלגט. און דאך וואקסט אלץ די צאל פון לעווינזאנ'ס פארהערערס. אויך דערגרייכט ביסלעכווייז צום וויסן פון די הארעפאשנע יידן דער געדאנק, אז דער מאן, וואס ליגט אפגעשלאסן אויף זיין קראנקן בעט אין גרויסער דחקות, קעמפט זייער קאמף. זיי לייענען אין האנטשריפט, אויף יידיש, זיינע פאמפלעטן אין וועלכע עס ווערן שארף געטאדלט דאס אויסנוצעריי און עוולות, וואס די קהל פרנסים באגייען קעגן די מאסן. ער ברענגט אויך אין זיי צו שאנד און צו שפאט דעם אבערגלויבן און בטלנות, וואס הערשן אויפן פלאץ.

אין דעם אויבנדערמאנטן ווערק פון י.ב. לעווינזאן, "תעודה בישראל", ווערן געבראכט די יסודות פון זיין לערע, וועלכע האט געבראכט צו איין איבער-קערעניש אין דעם געדאנקנגאנג פון אן גרויסן חלק פון יידישן ישוב אין רוסלאנד. אין דעם ווערק ווערן די יידן גערופן צו טוישן זייערע לופט פרנסות אויף פראדוקטיווער ארבייט, צו באזעצן זיך אויף ערד און צו באציען זיך מיטן געהעריקן כבוד צו יעדער מלאכה און צו די בעלי-מלאכות. אויך רופט ער דארט, ווי אין אנדערע ווערק זיינע, יידן זאלן לערנען די העברעישע שפראך מיט איר גראמאטיק, ווי אויך דאס מלוכה לשון (דאן רוסיש), נאטור-וויסנשאפטן און מאטעמאטיק.

ווי וויַיט דאס האט געווירקט אויף די קרעמעניצער יידן, וויַיסן מיר פון פארשיידענע ידיעות, וואס זענען דערשיינען אין דער יידישער פרעסע פון יענער צייט: 56 יידישע פאמיליעס ווערן רעגיסטרירט צו באזעצן זיך אויף דער פרוכטבארער ערד פון כערסאנער גובערניע, די צאל בית-מדרש יוגנטליכע, וואס לערנען גרונטליך עברית און געהיים, ווערט אלץ גרעסער. אייניקע פון זיי זענען פון די ערשטע מייסדים פון דער באוועגונג "חובבי שפת-עבר" (ליבהאבער פון העברעיש) אין רוסלאנד, ווי אויך פון די ערשטע גרינדער פון דער "חובבי ציון" באוועגונג. צווישן זיי דער צוקונפטיקער רעדאקטאר פון "מאמענט" צבי פרילוצקי, דער באוואוסטער נאכער אין פוילן און רוסלאנד ציוניסטישער פירער ד"ר טוביה גינדעס, ד"ר פינסקי און אנדערע, פון קרעמעניץ ווערן געשיקט ארטיקלען צו די העברעישע און רוסישע צייטשריפטן פון יענער תקופה. און זיי מעלדעט מען וועגן דעם וואקסענ, ן קולטורעלן ניווא פון די יידישע איינוואוינער דארט, צווישן זיי אויך פרויען, וואס רעדן פריי העברעיש (גאר א זעלטענע דערשיינונג דאן בא יידן) ווען אין שטאט ווערט געעפנט א מלוכהשע, יידיש-רוסישע פאלקס-שול און סיווערט א געוואלד אין שטאט, אז יידישע קינדער ווערן געפירט צו שמד, בארואיקט זיי לעווינזאן און רופט די קינדער ניט מורא האבן צו גיין אין דער שולע. אן אינטערעסאנטער קוריאז, וואס ווערט געבראכט אין "קרעמעניצער שטימע" דורך לייבקע ראזענטאל ז"ל, דערציילט דורך זיין באבען, איז פארבינדן מיט אט דער טעטיקייט פון לעווינזאנען: אין א שיינעם פרימארגן האט מען אים ווי צומאלס ארויסגעטראגן פון שטוב אויף א טראג-בעטל, כדי ער זאל זיך ווארעמען אויף דער זון, לעבן זיין טיר. זיצנדיק אזוי אויפן בעטל, האט ער פלוצעם דערהערט א יללה. באלד האט זיך באוויזן א ייד מיט אויסגעשטרעקטע הענט צום הימל. דער ייד האט גערופן מיט קולי קולות צו ראטעווען זיין זין וואס איז איבערגעבן געווארן צו שמד אין דער "שקאלע". פיל קינדער זענען דערשראקענע נאכגעגאן דעם יידן. לעווינזאן האט צוגערופן די קינדער צו זיך און זיי בניחותה דערקלערט, אז די רוסישע רעגירונג האט זיי נאר א טובה געטון, עפענענדיק פאר זיי די שולע, דארט וועלן זיי לערנען פארשיידענע וויסנשאפטן, די מלוכה שפראך און די געשיכטע פון פעלקער.

די קינדער, וואס האבן זיך צו אים באצויגן מיט א באזונדערער סימפאטיע, האבן אים געדולדיק אויסגעהערט און דער פחד פאר דער שולע איז בא זיי אוועק. צווישן די קינדער איז אויך געווען ראזענטאלס באבע.

פילזייטיק איז געווען לעווינזאנ'ס טעטיקייט. חוץ זיינע ליטעראר'שע און אויספארשונגס ארבייטן, האט ער אויך געפירט א רייכע קארעספאנדענץ מיט פארשיידענע מלוכה אנשטאלטן און הויכע באאמטע, צווישן זיי מקורבים פון צארישן הויף. דורך זיי איז לעווינזאנ'ס טעטיקייט דארט באוואוסט און אפגעשאצט געווארן. דער צאר ניקולאי I האט זיך שטארק פאראינטערעסירט מיט אים און האט אים באלוינט מיט א פרייז פון 1000 רובעל פאר דעם ווערק "תעודה בישראל". א באזונדער שליח פון צאר האט דעם פרייז צוגעטראגן לעווינזאנען אויף זיין קראנקן בעט. און אט אויף דעם בעט האט לעווינזאן אויפגענומען די פארשיידענע הויכגעשטעלטע געסט, וואס האבן אים אפט באזוכט, צווישן זיי טאדעאוש טשאצקי, דער גרינדער פון בארימטן איבער גאנץ פולין, קרעמעניצער ליצעאום. און ער און די געהילפן זיינע פלעגן אים צושטעלן די געוואונטשענע ביכער פון זייער רייכער ביבליאטעק. די געסט האבן אים אפט געטראפן איינגעהילט אין טלית, ווייל לעווינזאן, דער "אפיקורס", איז געווען א שומר מצוות אלע זיינע יארן.

אין צוזאמענהאנג דערמיט ווערט דערציילט, אז איינמאל האט א ייד, א חסיד, בשעת א "לחיים" מיט זיינע חברים אין איינעם פון די בתי-מדרשים אין קראקאוו, געזאגט, אז זיין באגער איז צו זען מיט זיינע אויגן א ייד, אן אמתן אפיקורס. די חסידים האבן אים געראטן ער זאל אראפפארן קיין קרעמעניץ, דארט וואוינט איינער, א לעווינזאן, וועט ער שוין זען וואס אן אפיקורס מיינט. ווען דערשטווינט איז דער ייד געווארן, ווען ער האט איבערגעטרעטן די שוועל פון לעווינזאנ'ס שטיבל און דארט דערזען ווי לעווינזאן האט אין טלית און תפילין געדאווענט שחרית.

אין יאר 1860 איז לעווינזאן נפטר געווארן. אין טאג פון זיין לוויה זענען אלע געשעפטן און ווארשטאטן געווען געשלאסן. כמעט אלע איינוואוינער האבן דעם נפטר באגלייט. בראש פון דעם טרויער צוג האט מען אין א באזונדערן ארון געטראגן זיינע שריפטן.

די משכילים פון קרעמעניץ האבן אלע יארן געשטרעבט אויפצושטעלן א געהעריקן דענקמאל פאר זייער גרויסן בן-עיר. צענדליקער יארן זענען אוועק און דאס האט זיך זיי נישט איינגעגעבן צוליב פארשיידענע סיבות.
ערשט נאך דער ענדע פון בירגער קריג, אין אנהויב פון די צוואנציקער יארן, האבן זיך איניקע קרעמעניצער משכילים בראש פון ד"ר ליטוואק, ישראל

מרגוליס, חיים אוואדיס, ל. ראזענטאל, זכרונם לברכה, און אנדערע זיך פארבינדן מיט דער צענטראלע פון "ארט" אין ווארשע. צוזאמען מיט זיי האט מען אויפגעבויט די "ארט" שולע, וואס האט געטראגן דעם נאמען פון י.ב. לעווינזאן. די ליצעאום פארוואלטונג האט מיט א ברייטער האנט געשענקט דעם בוי-מאטעריאל. דאס איז געווען א המשך פון דער שטיצע און פריינדשאפט, וואס דער גרינדער פון ליצעאום און זיינע געהילפן האבן ארויסגעוויזן לעווינזאנען מיט הונדערט יאר פאר דעם. אויך איז אין צענטר פון הארעפאשנעם יידישן ישוב אין שטאט אנגערופן געווארן א גאס אויף זיין נאמען. די גאס איז אוועק מיטן פייער, צוזאמען מיטן גאנצן געטא. נישטא איז אין יידן-ריין קרעמעניץ גארנישט, וואס דערמאנט י.ב. לעווינזאנען.

דער קרעמעניצער לאנדסמאנשאפט פאראיין אין ישראל האט, מיט דער איניציאטיוו און הילף פון אונדזער חשובן לאנדסמאן, פארשער פון לעווינזאניס לערע און זיין תקופה, וואלף שניידער אין אמעריקע, ווי אויך די קרעמעניצער לאנדסמאנשאפטן אין ניו-יארק און בואינאס-איירעס, אויף זיך גענומען די אויפגאבע צו פאראייביקן דעם אנדענק פון אונדזער גרויסן לאנדסמאן, יצחק-בער לעווינזאן, דער פאטער פון דער רוסישער השכלה. און דאס איז געטאן געווארן אויף א פארנעם, וואס שטייגט פיל איבער די גרעניצן און מעגליכקייטן אפילו פון א גרויס-שטעטישער לאנדס-מאנשאפט.

וועגן לעווינזאניס לערע אין תקופה ווערט פיל דערציילט אין די צוויי ספרי הזיכרון וואס די קרעמעניצער לאנדסלייט האבן נאך דער שואה ארויסגעגעבן אין ישראל און אין ארגענטינע. וועגן די איבנדערמאנטע אנדענק אונטערנעמונגען, וואס די קרעמעניצער האבן אויפגעשטעלט, ווערט פיל געשריבן אין די 15 העפטן "קול יוצאי קרמניץ בישראל" וואס דערשיינען רעגולער אין ישראל אין משך פון עלף יאר.

ס'איז כדאי דא צו באמערקן, אז אין תל-אביב, אין איינעם פון די קליין-אינדוסטריע און בעלי-מלאכות צענטרן, טראגט א גאס דעם נאמען פון יצחק-בער לעווינזאן. די גאס איז אין שכנות פון רחי המסגר.




מיר גיבן דא דעם בריוו פון אונדזער געטרייען
לאנדסמאן, פרעד ביק, דעם זון פון פאטאגראף ביק ז"ל,
אין ענגליש, וואו ער איז דורך פרעדן געשריבן געווארן.
נאך אין ערשטן נומער פון "קול יוצאי קרמניץ"
האבן מיר פארעפנטלעכט א ווענדונג צו די קינדער פון
אונדזערע לאנדסלייט אין אויסלאנד אויף ענגליש, מיטן
צוועק זיי צו פאראינטערעסירן מיטן עבר פון זייערע
עלטערנ'ס עלטערן און זיי דערנענטערן צו אונדז.

און אצינד, ווען דאס זוכן פון די "ווארצלען" אין
אמעריקע, אויך דא אין ישראל, און איבעראל איז געווארן
אזוי אנגענומען באם יונגען דור, האפן מיר, אז מיר
וועלן אין יעדן העפט אפגעבן א פלאץ פאר ענגליש.
און זאלן אונדזערע קינדער אין דעם העלפן אונדז מיט
זייערע בריוו אדער ארטיקלען.

☆☆☆☆☆☆☆☆

October 11, 1977

Dear Friends,

I thank you for asking me to express my thoughts of the past and outlooks as to the future, in writing. By looking back to my past I find that our people always looked with pride and our enemies with shame. Perhaps, we in many cases were the sheep and they named themselves as lions but this was only in the physical sense and not in the moral, intellectual or spiritual. We will forever remain the people of the Torah and Talmud.

I look at my past as nil in comparing to those who have not lived through the last holocaust and to see a 2000 years dream come through with the birth of the land of Israel. As long as there is a breath of life in us we will always remember them. I do not think that the life of my sister Sonia who was hung on a tree in the complex of the jail or my brother Munia who was tortured in Lwow carrying rail tracks on his bare shoulders in the peak of the hot summer where he was destroyed, or my younger sister Clara or my parents who were buried alive is more important than other 14,000 destroyed landsmen. But learn we must from their experience that no Galut is safe for us.

Yes, it was good to read your article about the Husid family who I knew and remember so well. After all, they were our next door neighbors. Or the Levinson house from which I used to pick up home baked bread by Haven the bakern. In those days this was just another house but today we find it as being a shrine of importance to that man who will always be singled out. Since he left a memorial of thoughts and rich values put in writing that will be cherished by some and remembered by all as Levinson, the father of the Russian Haskala.

You, who pioneered this beautiful land and live in , know how difficult was the struggle to liberate yourselves from the mandate of the British. So was my journey hard from Warsaw with Hitler in 1939-40 to Kreminetz and from 1942 to 1945 from Kreminetz through many places on the European and Asian continent where I spent until 1947 from where I landed here in one of the better Galut lands. It was a difficult journey with many frightening and dangerous experiences. I remember the night when the sound of the German canons were heard. I asked my family "let's leave everything and go East", but they, like most of our Landslite, with clear conscience, replied "who will touch us, we never did any wrong to anyone." "We are a liked and respected family". Everyone knew "BYK

the photographer"as a fine person. After all this was the thinking of all of our people. This last generation decided to protect these qualities with force and the results are here to see for all humanity.

Now we, this little branch of that beuatiful blooming tree called "Israel", have this Holy obligation to inshrine the name of Kreminetz with her 14,000 destroyed sisters and brothers in every possible way, so that the future generation shall read and learn from these experiences. Yes, you, being the roots of this beautiful blooming tree with us the branches all over this planet, make me feel assured that our children and their will always have that address of Israel and that the bloodshed by our dear ones was not in vain.

May we have the blessing of peace upon us always.

Fred Byk.

ד״ר צבי מלאכי, ראש ״מכון כץ לחקר הספרות העברית״
כותב לנו:

לכבוד מערכת "קול יוצאי קרמניץ"

קבלתי בהנאה את בטאונכם "קול יוצאי קרמניץ" מס י"ד ושמחתי לקרוא על פעילותכם הענפה בארץ ובתפוצות.

